על פתח ביתו ויש מהן שהעידו שהם לא בקשו מאתו רק לנוח בתוך בית: מעייפות הדרך ולא הניחם בתוך ביתו ויש מהן שהעידו שבקשו מאתו לקנות דבר מאכל במחיר ולא רציתי ויש מהן שהעידו שדחפתי אותם מתוך ביתי ואין לשער החרפה והכלימה שסבלתי אז אח"כ יצא הפסק דין מאתם שיתנו לי ברירה לברור אחת משתי אלה או להיות בגיהנם חודש אחד או להתגלגל בפעם שנית ולהיות נולד בזה העולם אולי יתוקן זה העון וחשבתי בנפשי שיותר טוב לברור העונש של גיהנם על חודש אחד מלהתגלגל להיות נולד בפעם שנית כי מי יודע אם אהיה עשיר בפעם שנית שאוכל לעשות צדקה וג"ח ומי יודע אם אוכל לכוף יצרי הרע בפעם שנית כי בפעם זה לכל הפחות עסקתי בתורה הרבה ובפעם שנית אינני יודע אם אזכה לזה לכן גמרתי בנפשי לברור העונש של גיהנם על חו"ש אזי לכל הפחות אחר עבור ההודש אזכה לחיי העולם הבא עבור התורה שעסקתי בה הרבה לכן אמרתי להם שאני בורר העונש של גיהנם על חודש אזי תיכף ומיד בא אלי מלאך משחית אחד להוליכני לגיהנם ויולך אותי יום אחד ושני ימים ושלשה ימים וגם הלילות עמהם וגם שבוע אחת ושני שבועות ושלשה שבועות עד אשר קצה את נפשי בדרך עד שחשבתי בלבי מתי אזכה לראות פני הגיהנם וכאשר אני ארצה לנוח מעט מעייפות הדרך אזי המלאך משחית גוער בי ומכה אותי עד שאני מוכרח ללכת יומם ולילה בלא הפסק עד שהלכתי כך ארבעה שבועות בלי הפסק אח"כ הרגשתי בנפשי חמימות ומה שהלכתי יותר אזי הרגשתי בנפשי יותר חמימות אז אמרתי בנפשי כי עתה בוודאי אני קרוב לגיהנם והחמימות הזה הוא מאור הגיהנם שחמימותיו הולכים למרחוק אך מה שהלכתי יותר אזי נכרה אצלי החמימות עד שלא יכולתי לסובלו אזי פשטתי את בגדי כדי להקל מעלי החמימות מעט והלכתי עוד ערום עד שלא היה לי באפשרות לסובלו אז אמרתי להמלאך שיוליכני

---

און זיך א ביסעל אויס רוהען און ער האט מיך ניט געלאזט דער דריטער זאגט עדות אז ווינטער און דיא גרויסע פרעסט בין איך געוועזען זייער דער פרוירען פון קעלט האב איך זיך בייא איהם געוואלט אן ווארימען האט ער מיך ניט געלאזט און רייכע לייט זעגען אויך געקומען עדות זאגען דאס וואס זייא האבען געוואלט קויפען בייא מיר עסענוואַרג פאר געלד און איך האב זייא ניט געוואלט פאר קויפען און דיא שאנד וואס איך האב דאמאלס געהאט קאן מען נאר ניט משער זיין ע"כ איז ארויס געגאנגען דער פסק אז מען זאל מיר געבען אויס צו קלויבען איין פסק פון דיא ביידע דהיינו אדער איך זאל מגולגל ווערען נאך א מאהל דאס הייסט איך זאל נאך אמאהל געבוירען ווערען טאמער וועל איך זיך פאר בעסערין אדער מען זאל מיך משפטין אונ גהינם אנאנצען חודש האב איך זיך אהן געהויבען צו באקלערין וואס עס איז גרינגער איז בייא מיר געבליבען אז עס איז גלייכער צו נעמען אונ גהינם ארײַן אויף א חודש איידער מגולגל צו ווערין נאך א מאהל וואָרין ווער ווייסט צו איך וועל דאס קענען מתקן זיין טאמער וועל איך נאר זיין איין ארימאן וואס איך וועל נאר ניט קאנין ברעכין מיין יצר הרע האב איך געזאגט אז איך וויל בעסער נעמען אונ גיהנם אויף א חודש ווערין וויינגסטינס נאך אחודש

בחזרה להשופטים כי אני רוצה לברור את העונש השני להיות מגולגל בפעם שנית כי לא אוכל לסבול את החטיטות בשום אופן אז נער בי המלאך והכה אותי ויאמר לי לך הלאה כי אני מוכרח לקיים את שליחותי ואם לא אענש גם אני אזי הלכתי עוד עד שמתוך החמימות התחיל להרך גופי והארץ היה חם כ"כ כתנור של כבשן לכן חרך עקבי אשר דרכתי בהן על הארץ ולא היה בי יותר כח להלוך עד שנפלתי על הארץ ואמרתי להמלאך עשה עמי מה שתוכל כי לא אוכל לילך יותר רק הוליכני בחזרה להשופטים ואברור העונש האחד כנ"ל ויענני המלאך שנית כי לא אוכל לעשות זאת כי גם אני אענש מהם על מה שאינני מקיים את ציווים אזי אמרתי להמלאך שיוליכני בחזרה ואברור את העונש השני כנ"ל וגם אקבל עלי את העונש שלך על מה שלא שמרת מה שפקדוך אזי נתרצה לזה המלאך ואמר לי כן דברת אם תקבל עליך גם את ענשי אזי אוליכך בחזרה להשופטים וכן עשה והלכתי עמו בחזרה ג"כ חורש ימים עד שהעמידוני בפעם שנית לפני השופטים ועמדתי אצל הפתח אזי נתן עיניו בי הראש ב"ד ויאמר לי מה טיבך בפה ואמרתי לו שמעני ארוני כי לא אוכל לסבול עונש הגיהנם בשום אופן ואבקש ממך שתתן לי רשות לבור העונש האחד להיות מגולגל בפעם שנית אזי הביט בזעם על המלאך השליח למה זה עברת על ציווייך אזי אמר המלאך להשופט כי האיש הזה קבל עליו את ענשי ג"כ לכן שמעתי לדבריו. וישאלני השופט אם כנים דברי המלאך אזי אמרתי לו שכן הוא האמת שקבלתי עלי גם את ענשו אזי אמר לי השופט יהי כן כאשר בררת שתהיה מגולגל בפעם שנית אך הפסק שראוי ליתן להמלאך שקבלת עליך

---

א חודש וועל איך שוין האבין עולם הבא פאר וואס איך האב גילערינט אסאך איבער דעם דאב איך זייא גיזאגט אז איך וועל גיין אונ גהינם ארײַן איז תיכף אויף דער שטעל גיקומען צו מיר אמלאך משחית צו פירין מיך אונ גהינם ארײַן האט ער מיך גיפירט עטליכע טעג אונ אײַניגע וואכין טעג אונ נאכט נאר אהן איין אויפהער אונ איך האב זייער ניט גיקענט פאר מאגין דיא מידיקייט פון דעם וועג אונ וויא איך פלעג מיך ווערען אפ ריהין א ביסעל פלעגט מיך דער מלאך זייער שלאגען האב איך שוין געקלערט בײַא זיך ווען וועל איך שוין זוכה זײַן צו זעהן דאס גהינם האט ער מיך אזוי געפורט פור וואכען אן א אויפהער ביז וואנען איך האב אן געהויבען צו פילען אז מיר הייבט אן היים צו ווערען אונ וואס איך בין געגאנגען ווײַטער איז מיר אלץ געווארען הייסער אונ דאס פנים האט מיר אן געהויבען צו פלאמין האב איך געקלערט געוויס בין איך שוין נעבען גהינם איז דאס דיא היץ פון דעם פײַער פון דעם גהינם אונ וואס איך בין געגאנגען ווײַטער האט מיך אלץ געבראטען דיא היץ מעהר אונ מעהר ביז וואנען איך האב שוין ניט געקאנט פאר טראגין דיא היץ אונ איך בין געגאנגען אוים געטאהן מײַנע קליידער בעווײַל עס זאל מיר ניט זײַן אזוי היים אונ איך בין שוין געגאנגען נאקיט בין איך נאך גיגאנגען ביז וואנען עס איז מיר שוין גיווען אום מעגליך צו פאר טראגען דיא היץ זאג איך צו דעם מלאך וואס ער פירט מיך. פור מיך ווייק צום

ב"ד

אזי צריכין להעניש אותך עתה אזי תיכף ומיד הגיש אלי מלאך אחד ושבט ברזל בידו ויכני על אחורי אזי התחלתי לצעוק צעקה גדולה ומרה ומגודל הצעקה אזי נערתי משנתי וכל אנשי ביתי הקיצו ג"כ משנתם לקול צעקתי וכאשר הקיצותי משנתי מגודל הצעקה הרגשתי הכאב יותר ויותר כי כל אחורי היה נפוח מההכאה הנ"ל ורושם של השבט נשאר על אחורי עד עתה. כן כפר האיש הנ"ל להאנשים מוכרי ספרים הנ"ל כי זה איזה שבועות אשר קרה לו המקרה הנ"ל היינו החלום הנ"ל והרושם של ההכאה שנשאר לו מן ההכאה בחלום עד עתה לכן נדרתי את עצמי מאז והלאה להיות מכנים אורח לכן הכנסתי אתכם לתוך ביתי כן סיפר האיש הנ"ל להאורחים מוכרי ספרים הנ"ל ויפצרו בו האנשים מוכרי ספרים הנ"ל שיראה להם הרושם של השבט שעל אחוריו אזי הראת

---

ב"ד איך וויל בעסער מגולגל ווערען האט ער מיך געשלאגען און זאגט צו מיר נייא ווייטער ווארען איך מוז מקיים זיין וואס מען האט מיך גישיקט חען ניט וועל איך נאך געשטראפט ווערען בין איך ווייטער געגאנגען ביז וואנען עס האט זיך בייא מיר אן געהויבען צו סמאלען מיין גוף און דער ערד איז געוועזען אזוי הייס אז דיא פיענטים פון דיא פיס האט זיך בייא מיר אן געהויבען צו סמאלין און איך האב שוין ניט געהאט קיין כח צו גיין ווייטער בין איך גיפאלען אויף דער ערד און איך האב גיזאגט צו דעם מלאך מענסט מיט מיר טוהן וואס דיא ווילסט איך קען ניט גיין און גהינם ארויין פיר מיך צורוק איך וועל בעסער מגולגל ווערען זאגט דער מלאך צו מיר אז איך וועל דיך צורוק פירען וועל איך דאך געשטראפט ווערין פאר וואס איך פאלג ניט וואס מען האט מיך געהייסען האב איך געזאגט צו דעם מלאך פיר מיך צורוק און דיין שטראף וואס מען וועט דארפון דיר געבען נעם איך אויף אויף מיר זאגט דער מלאך איך בעשטייא נאר מיין שטראף זאלסטו אויך נעמען אויף דיר וועל איך דיך פירען צורוק זאג איך איך נעם אויף מיר דיין פסק אויך

האט ער מיך גענומען צורוק פירען צו דעם ב"ד של מעלה האט ער מיך ווידער געפורט א גאנצען חודש ביז וואנען ער האט מיך געבראכט דאס צווייטע מאהל פאר דעם ב"ד האב איך זיך געשטעלט פאר דער מיר זאגט צו מיר דער ראש ב"ד וואס טוסטו דא. זאג איך. איך בין געקומען צורוק בעוועל איך קאן דעם עונש פון דעם גהינם ניט פאר טראגען וויל איך בעסער אום קלויבען דעם אנדערען פסק מגולגל צו ווערען נאך אמאהל האבען זייא געזאגט צו דעם מלאך וואס ער האט מיך געפורט וויא אזוי האסטו עובר געוועזען אונזער גיבאט האט דער מלאך גיענטפערט אז ער האט דעם פסק וואס מען דארף מיר געבען האט ער אויך גענומען אויף זיך האט דער ראש ב"ד מיך געפרעגט די האסטו טאקע גענומען אויף דיר זיין פסק אויך זאג איך יאה זאגט דער דער ראש ב"ד צו מיר יעצט נייא און ווער מגולגל נאך א מאהל נאר דער פסק וואס מען דארף געבען דעם מלאך וואס דיא האסט גענומען אויף זיך דארף מען דיר שוין געבען איז גישווינד צו געגאנגען צו מיר איינער און ער האט געהאלטען איין אייזערנע רוט און דער האנד און ער האט מיר גיגעבען

להם והאנשים מוכרי ספרים הנ"ל ספרו זאת המעשה לר' משה אהרן נ"י הנ"ל אשר היה דרכם לעמוד בבית ר' משה אהרן נ"י הנ"ל ור' משה אהרן נ"י הנ"ל סיפר לי זאת לדבר ברור ואמר לי שאנשים האלו בני מסכא המה אנשים נאמנים:

**מעשה** מה שסיפר לי זקן ת"ח אחד ר' יהושע בר כלב נ"י אשר בימי עלומיו היה רב בשקודוויל ועתה דר בקאוונא ועוסק בתורה סיפר לי כי בשעה שהיה חתונה אצל אחותו היתה אז אמו בחיים וקודם החופה כשהיו כולם ברוב שמחה ראה והנה אמו בוכה מאוד בדמעות שליש בלי הפוגות ויאמר לאמו אמי למה תבכי והלא עת רקוד הוא ותספר לו את המאורע כי הוא ישבה על הספסל נים ולא נים תיר ולא תיר וראתה והנה זקן בא אל הבית ואמר שמחו שמחו כי כולם תשבו שבעה ובלשון לע"ז אמר הולעט הולעט איר וועט אלע זיצען שבעה ר"ל כך ספרה לו אמו ויאמר לה ר' יהושע הנ"ל כי הבל היא

---

געגעבען אַכטונג פון חלומות און דיא ווייבער פלעגען ניט זאגען קיינעם אין א חתונה. מען לאַכט אַבער פון חלומות, דיא מוטער זאָגט: איך האָב אויך אַ גייוויס געשפּיר, נאָר געשריען מיט גרויסע קולות אַביטער געשרייא און פון דעם געשרייא האָב איך זיך אויף געכאַפּט פון דעם שלאָף און מיין גאַנץ הויז געזונד האָבען זיך אויף געכאַפּט פון מיין געשרייא מיט גרויס שרעק. ווייא איך האָב זיך אויף געכאַפּט האָב איך געזעהן אַז עס איז אַלין אַחלום געוועזען אָבער דער שטיין וואָס צום סוף איז מיר געבליבען זואָרגען עס איז מיר געוועזען פאַרבּהאַלטען דער הינטען און וויא דער שטיין איז געוועזען איז געבליבען און לייב אַזוי זוייא צברען פון איין איזערנע רוט דער נאָך בין איך אַביסעל ניט געוועזען געזונד פון דעם שטיין און הינט בין איך שוין געזונד נאָר דער סימן פון דעם ברען פון דער רוט שטייט נאָך יעצט אויך ביי מיר אויפען הינטען דאָרך דעם האָב איך שוין אנדר געטאָן פון דאַטאָלס אָן אַז איך זאָל שוין זיין איין מכנים אורח און זאָל געבען צדקה דרום האָב איך אייך אריין געלאָזט צו מיר און שטיב אַזוי האָט דער מענטש דער ציילט פאַר דיא צוויא מוכרי ספרים האָבען אוס געגעבען דיא צוויא מענטשען אַז ער זאָל זייא ווייזען דעם סימן פון דעם שטיין וואָס עס איז געבליבען ביי אים אויף דעם הינטען האָט ער זייא געוויזען כדי זייא זאָלען וויסען אַז דאָס איז זייער ריכטיג זיי זאָלען אויך תשובה טוהן און דיא צוויא מענטשין האָבען דאָס דער ציילט פאַר ר' משה אהרן נ"י וואָס דיא מענטשין פלעגען שטענדיג איין שטיין ביי דעם ר' משה אהרן נ"י און ער האָט מיר געזאָגט אַז דיא צוויא מענטשען זענען געוועזען זייער ערליכע און אמתע לייט:

**מעשה** וואָס מיר האָט דערציילט ר' יהושיע בר' כלב נ"י פון קאָוונע וואָס פריער איז ער געוועזען איין רב און שקידוויל און היינט וואוינט ער און קאָוונא און ער זיצט און לערינט האָט ער מיר דער ציילט אַז בשעת עס איז געוועזען דיא חתונה ביי זיין שוועסטער האָט נאָך דיא מוטער געלעבט און פאַר דער חופה בשעה אַלע זענען געוועזען זייער פריילוך אַזוי זעהט ער אַז זיין מוטער האָט זיך זייער פאַר אַנאַנדער געוויינט נאָר אָן אשיעור זאָגט ער צו דער מוטער וו... וויינסטו יעצט עס איז אַצייט בין

אין בזה ממש והיא לא קבלה תנחומין ובעור שני שבועות מתה היא שהיא אמה של הכלה ומת נ״כ אביו של החתן וברור הוא :

**מעשה** מה שסיפר לי איש אחד מו״ה יוסף נ״י שהיה לו דוד באדעסע אשר היה חשובי בנים ר״ל . וכאשר היה ר׳ יוסף הנ״ל באדעססע היה לו הרבה התקרבות מדודו הנ״ל ואח״כ חזר ר׳ יוסף הנ״ל לגור בארץ מולדותו בעירו וכשעברו איזה שנים אזי מת דודו הנ״ל ותיכף אחר מיתתו בא בחלום לבן אחותו מו״ה ר׳ יוסף נ״י הנ״ל בקול בכי ותחנונים ואמר לו שמת ובקש מאתו שיאמר אחריו קדיש וכשהקיץ משנתיה אזי סיכר זאת לפני רעיו ואמרו לו דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין אח״כ נתברר לו שהיתה זו המעשה תיכף אחר מותו :

**מעשה** מה שסיפר לי איש נאמן ומופלג מפלך צערנינעוו אשר באותה חצר שדרו שמה מתה אשה ענייה ועזבה שני בנים והבן הצעיר היה כבן המשה עשר שנים ויהי כאשר עברו שבעה שבועות אחר פטירתה באתה בחלום אצל אמו של האיש שסיפר לי ואמרה לה חברתי תדע שבני הצעיר אינו אומר קריש

---

שמחה האָט זיא אום געזאָגט אַז איך בין דאָ אַצינד געזעסען אויפין בענקיל אונ איך האָב עפּיס נעדרימולט אַזוי זעה איך אַז עס קומט אריין איין אַלטער מאַן אונ זאָגט הילעט אור זעט אַלע זיצען שבעה דרובער ווייזן איך . זאָגט ר׳ יהושיע צו זיין מוטער מיילא וואָס עס דאכט זיך אָבער זיא האָט זיך גאָר ניכט געוואָלט טרייסטען דער נאָך אונ צוויא וואָכען אַרום אין זיא געשטאָרבען וואָס זיא איז געווען דיא מוטער פון דער כלה אונ דעם חתן׳ס פאָטער איז אויך געשטאָרבען אונ צוויא וואָכען אַרום נאָך דער חתונה אונ דער זעלבער צייט ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען אונ דאָס איז זייער וואָר :

**מַעֲשֶׂה** וואָס מיר האָט דער ציילט איין מענטש ר׳ יוסף נ״י וואָס איהם האָט געטראָפען . היינו ער האָט געהאַט איין פעטער אונ אַדעססע זיין מוטערס איין ברודער אונ דער פעטער האָט ניכט געהאַט קיין קינדער אונ אַז דער ר׳ יוסף נ״י איז געווען אונ אַדעססע עטליכע יאָהר האָט ער געהאַט פון איהם פאַר געניגען דער נאָך איז ר׳ יוסף נ״י אַוועק געפאָרען צורוק אונ זיין אייגינע שטאָט אַריין פון וואַנען ער איז אונ ער האָט דאָרטען געוואוינט אונ אַז עס איז אַוועק עטליכע יאָהר איז דער פעטער זיינער געשטאָרבען איז ער תיכף איהם געקומען צו חלום צו ר׳ יוסף נ״י אונ ער האָט איהם געזאָגט אַז ער איז געשטאָרבען אונ ער האָט איהם געבעטען מיט אַוויינענדיג קול מיט גרוים גיבעט ער זאָל זאָגען נאָך איהם קדיש וויא ער איז אויף געשטאַנען האָט ער דאָס דערציילט פאַר זיינע בעקאַנטע האָבען זייא געזאָגט מיילא וואָס עס חלומט זיך דער נאָך האָט ער זיך דערוויסט אַז דיא מעשה איז געווען תיכף נאָך זיין טויט :

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט דער ציילט אַ רוכטינער מענטש פון דער שטאָט צערנינעוו אויף דעם הויף וואָס ער האָט געוואוינט אונ צערנינעוו דאָט דאָרטען געוואוינט איין אָרימע אשה איז זיא געשטאָרבען אונ זיא האָט איבער געלאָזט צוויא זוהן דער יונגער

זוהן

ולא אמר אף קדיש אחד ואמסור לך סימן לזה שזה שבעה שבועות אשר בני
הצעיר לא החליף הכתונת שלו מרוב דחקות ועניות. ויהי בבקר שלחה לקרוא
להעלם הנ"ל והוכיחו אותו על פניו ומתחילה כיחש ואח"כ הורה על האמת גם
דרשו אחר סימן של הכתונת שלו ונמצא כדבריה:

**מעשה** שאירע בעיר שדרתי שמה היה שם איש אחד שהיה דר בכפר והיה
דרכו לבוא על יום יארצייט העירה להתפלל לפני העמוד ולומר קדיש
פעם אחת שכח הזמן של הי"צ אזי בא אליו אביו בחלום ואמר לו לך להעיר
ואמור ברכו מכל זאת לא עלתה על רעיונו לחשוב אולי היום הוא י"צ רק שאירע
שהיה אותו היום בעיר בשביל הצטרכותיו ויספר לפני האנשים את הפלא ההיא
ויאמר להם זה זמן רב אשר לא ראיתי את אבי בחלום זולת הלילה שבא אלי
אבי בחלום ואמר לי לך העירה ואמור ברכו וישאלוהו האנשים אולי ביום זה
הוא י"צ ויחשבו האנשים את יום מיתת אביו והנה באותו היום הוא י"צ וזאת
ידעתי בבירור:

---

זוהן איז אלט ניוועזן פופצין יאהר
דער נאך אונ זיבען וואכען ארום
נאך איר טויט איז זיא געקומען צו
חלום צו דער מוטער פון דעם מענטש
וואס ער האט דאס מור דערציילט אונ
האט צו אור געזאגט חברתי די ווייסט
אז מיין יונגער זוהן זאגט ניט קיין
קדיש נאך מור ער האט נאך קיין
איינציגען קדיש ניט געזאגט אונ א
צייכען וועל איך דור געבען אז שוין
פון זיבען וואכען גייט ער אונ איין
העמד אונ ער האט דאס ניט איבער
געטוהן פאר גרויס ארימקייט אויף
מארגען פריא האט זיא געשיקט רופין
דעם בחור אונ זי האט איהם געפרעגט
פאר וואס ער זאגט ניט קיין קדיש
האט ער צום ערשטין גילייקענט דער
נאך האט ער געזאגט עס איז אמת
אונ מען האט געזעהן אז מיט דעם
העמד איז אויך אמת אונ דער מענטש
וואס ער האט מור דערציילט איז ניוועזין
דער בייא:

**מעשה** וואס עס האט זיך געטראפען
אונ דער עפנ׳ט וויא איך
האב ניוואונט ניט וויט אויף דעם
דארף איז גיזעסען איין יוד וואס זיין
שטיינער איז געוועזין אז אויף דער
יארצייט פון זיין פאטער פלעגט ער
קימען אונ שטאט אריין אונ דאווינען
פאר דעם עמוד איין מאהל האט
ער פאר געסען דעם טאג וואס ער
האט יאהר צייט עס איז אום נאר
ארוים פון דיא געדאנקען צו קלערען
וועגען דער יאהר צייט ערשט בייא
נאכט איז אום געקומען זיין פאטער
צו חלום אונ זאגט צו אום פאהר אונ
שטאט אריין אונ דאווין פאר דעם עמוד
אונ זאג ברכו מארגען פריא האט ער
נאר ניט גענומען אפען געדאנק נאר
בייא טאג האט ער גראד געדארפט
האבען זיין איניגע געשעפטען אונ
שטאט איז ער געוועזן אונ האט עס
דערציילט פאר זיינע בעקאנטע דעם
חידוש זאגט ער צו זייא איך האב שוין
ניט געזעהן מיין פאטער אין חלום שוין
זייער א לאנגע צייט אין היינטיגע נאכט
האב איך אים ניזעהן אונ ער האט
מור געזאגט פאהר אונ שטאט אריין
אונ זאג ברכו האבען זיך אן ג ר בען
דיא מענטשען צו אום אפשר איז בייא
דיר היינט יארצייט האבען זייא אן
גיהויבען צו רעכינען אזוי איז טאקע
דעם

**מעשה** שאירע בעירי באיש אחד שעמד אצל נדר של נינה להשתין באמצע היום אזי בא אליו איש אחד ואמר לו התקן עצמך ותיכף הלך לו האיש ונעלם מטנו ולא הכירו מעולם אזי נבהל האיש . ואצל נינה הנ"ל היה דר הש"צ קבוע דמתא אשר היה מופלג גדול ווי"א אזי הלך האיש הנ"ל להש"צ וספר לו את אשר קרהו אזי אמר לו הש"צ שיעשה צדקה ותשובה וחי אחר זה שני שבועות ולא יותר וזה ברור :

**מעשה** מה שסיפר לי אדם אחד המכונה יודקע בלינקאוו כי שמע מאביו ז"ל כי כשמת אבי אביו היה אז אביו בדרך ותיכף בלילה הראשונה אחר מיתתו של אבי אביו אזי בא אבי אביו לאביו בחלום ואמר לו שיסע בחיפזון לביתו ולישב שבעה מפני שהוא מת ולמחר נסע בחיפזון לביתו ומצא כנ"ל ואח"כ כשמת אביו היה אז אחיו של ר' יודקע הנ"ל בדרך בא אביו אצל אחיו בחלום הלילה ויאמר לו זכור אתה כשהייתי מספר שכשמת אבי הייתי בדרך ובא אלי אבי בחלום והודיעני ועתה תדע שאני מת לכן תיסע בחיפזון לביתך לישב שבעה ויבא לביתו וימצא כנ"ל :

---

דעם טאָג דיא יאָרצייט געוועזן אונ דאָס ווייס איך זייער זיכער :

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זיך געטראָפען אונ מיין שטאָט פון וואַנען איך בין אַז איין מענטש האָט זיך געשטעלט משתין זיין נעבען אַפלויט פון אַנאָרטען איז געקומען צו אום אַמענטש אונ זאָגט צו אום גרייט זיך צוא אונ דער מענטש איז היכף אַוועק פון אים אונ ער האָט דאָס מענטש קיין מאָהל ניט געזעהן האָט זיך דער יוד זייער דערשראָקען. אונ געבען דעם נאָרטען האָט געוואוינט דער חזן פון דעם בית המדרש וואָס ער איז געוועזן אַגרויסער ערליבער יוד איז ער היכף אַריין געגאַנגען צום חזן אונ שטוב אַריין אונ ער האָט דערציילט דיא מעשה דעם חזן האָט ער אים געזאָגט ער זאָל טאָהן תשובה דער נאָך האָט ער געלעבט צוויא וואָכען ניט מער אונ ער איז געשטאָרבען :

**מַעֲשֶׂה** וואָס מור האָט דערציילט אַ מענטש ער הייסט ר' יודקע בלינקאָוו אַז ער האָט געהערט פון זיין פאָטער אַז בשעת זיין פאָטערס פאָטער איז געשטאָרבען איז דאַמאָלס זיין פאָטער געוועזן אונ וועג ביַיא נאַכט איז געקומען זיין פאָטערס פאָטער צו חלום צוא זיין פאָטער אונ האָט אום געזאָגט דיא זאָלסט וויסען אַז איך בין געשטאָרבען דרום זאָלסטו פאָרען גיכער אַהיים אונ זאָלסט זיצען שבעה איז ער צו מאָרגינס געפאָרען גיכער אַהיים אַזוי האָט ער געזעהן אַז עס איז אמת איז ער געזעסין שבעה דער נאָך אונ אַ צייט אַרום בשעת זיין פאָטער איז געשטאָרבען איז געוועזן זיין ברודער פון דעם ר' יודקע אונ וועג איז זיין פאָטער געקומען צו אום ביַיא נאַכט אונ חלום אונ זאָגט צו אום דיא געדענקסט אַז איך פלעג דיר דער ציילין אַז בשעת מיין פאָטער איז געשטאָרבען בין איך געוועזן אונ וועג איז מיין פאָטער געקומען צו מור צו חלום אונ ער האָט מור געזאָגט זאָלסט וויסען אַז איך בין געשטאָרבען זאָלסט פאָרין אַהיים זיצין שבעה אונ אַזוי איז געווען . אַצונד זאָלסט וויסען אַז איך בין געשטאָרבין איבער דעם זאָלסט גיכער אַהיים פאָרין

**מעשה** מה שסיפר לי איש אחד לדבר ברור כי בעירו מתה אשה אחת שחשדו איזה אנשים שהרגו אותה במתכוין אזי שלחו מהגובערנע איש אחד משרי הממשלה לחנוט אותה ע״י רופאים כדי שיכירו הרופאים סיבת מיתתה ושכחו הקברנים את מקום קבורתה ויצו המושל לחפור קבר אחד אשר חשבו כי זה הוא הקבר מהאשה הנ״ל ובאמת הקבר מאשה אחרת אשר היא מתה מאיזה חדשים מקודם ויקחו את האשה המתה הנ״ל מקברה ויביאוה לפני השר לחנוט אותה ואז היתה זמן ערבית ויאמר השר שלמחר יחנטו אותה ובאותה הלילה באתה האשה בחלום לבניה ואמרה מפני מה הם רוצים לחנוט אותי הלא אני אשה אחרת לא זהו שהם מבקשים ואני אמכם לכן תשתדלו לראות שלא יחנטו אותי וסימן זה יהא מסור בידכם שיש לי תחת זרועי שומא וילכו בניה בבקר להשר ויספרו זאת להשר וראו הסימן כי יש שומא כמו שאמרה אזי צוה השר לקוברה בלא חניטה:

**מעשה** מה שסיפר לי טופלג אחד מקאדאן היינו ששם היה בעה״ב אחד איש אמיד והוא היה איש המוני ואביו שכבר הלך לעולמו היה רב אחד באיזה קהלה פעם אחת בא הבעה״ב הנ״ל לבית המדרש ושאל מאנשי בהמ״ד מהו הפירוש של פרוקי גלי משום שראה באותו הלילה את אביו בחלום ואמר לו פרוקי גלי ולא ידע מה זאת ואמרו לו אנשי בהמ״ד שהפירוש הוא סגרו שערים

---

פֿאַרען זיצין שבעה אונ אַזוי האָט ער געטאָהן :

**מַעֲשֶׂה** וואָס מור האָט דערציילט איין רעכטיגער מענטש דאָס בײַא זיי אונ שטאָט איז געשטאָרבען איין אַלטע יודינע וואָס מען האָט חושד געוועזען מענטשען אַז מען האָט זיא געהאַרגעט האָט מען דאָס גובּאַסירט איז אַראָפּ געקומען איין קאָמיסיע אויף אונטער זיכונג האָט מען געהייסען אַז מען זאָל זיא אַרויס נעמין פון קבר אונ פֿאַרמיסין האָבען דיא חברה קדושה ניט געטראָפען דאָס אָרט פון איר קבר אונ מען האָט נאָר אַרויס גענומען פון איין אַנדער קבר איין אַנדערע אשה וואָס זיא איז געשטאָרבען מיט עטליכע חדשים צוריק האָט מען זיא אַרויס גענומען טקעגין אָבינט צו נאַכט צו. האָט מען זיא דער ווײַל אַנידער געלייגט אויף איין אָרט אונ זייא האָבען אָפּ געלייגט אַז אויף מאָרגען פֿריא זאָל מען זיא פֿאַרמיסען. בײַא נאַכט איז זיא געקומען צו חלום צו אירע קינדער אונ האָט געזאָגט וואָס האָט מען מיך צו פֿאַרמיסען איך בין נאָר איין אַנדערע אשה איך בין נאָר אײַער מוטער אובער דעם זאָלט איר גיין מאָרגען פֿריא צום פֿאָרשטעהר אונ זאָלט זאָגען אַז איך בין נאָר איין אַנדערע אשה אונ איך בין נאָר אײַער מוטער ניט דיא וואָס זייא ווילען פֿאַרמיסען אונ אַצייכין וועל איך אײַך זאָגען אַז בײַא מור אונטערין אָרום האָב איך אַ וואָרציל זענען דיא קינדער אויף געשטאַנען גאַנץ פֿריא אונ זייא זענען געגאַנגען צום פֿאָרשטעהר אונ זייא האָבען דאָס דערציילט אונ זייא האָבען געזאָגט דעם צייכין האָבען זייא געזעהן אַז עס איז ריכטיג האָט דער פֿאָרשטעהר געהייסען אַז מען זאָל זיא צוריק מקבר זיין :

**מַעֲשֶׂה** וואָס מור האָט דער ציילט אַגרויסער חכם פון דער שטאָט קאַדאַן אַז בײַא זייא אונ שטאָט האָט

געוואונט

אזי אמר להם הבעל הבית הנ"ל עתה אני מבין מה שאמר לי אבי מה כוונתו בזה
היינו משום שבאותו הלילה שמטו גנבים בעיר וגם אצל שכניו גנבו ואצל בעה"ב
הנ"ל שכחו אז לסגור הדלת בבריח באותו הלילה וזהו הפירוש טרוקי גלי
כמובן:

**מעשה** מה שסיפר לי מופלג אחד היינו שפעם אחד קנה תפילין ממוכר ספרים ואמר לו המוכר ספרים שהתפילין כשרים ומוגהים היטב אזי הניח האיש הנ"ל את התפילין ולא הניחם עד רבע שנה ואח"כ היה לו יום יארצייט יום שמת בו אמו אזי למד בלילה משניות אחריה כנהוג ונתנמנם מעט אזי באה אליו אמו בחלום ואמרה לו שתפיליו פסולים אזי למחר פתחם להניחם ומצא שחסר שם השני שאצל אחד:

**גם** שמעתי מזקן אחד י"א שבפעם אחד חלם לו שתפיליו פסולים ולמחר נתן להניהם ונמצא שהי' חסר שם אות אחת:

**מעשה** מה שאירע בעיר זאנער לפ"ע בשנת תרל"ה היינו ששם היתה אשה זקינה עניה אלמנה ולה היתה בת יחידה נשואה לאיש וילדה בתה ילד

---

געוואוגט איין בעל הבית אפראסטער מענטש נאר זיין פאטער איז געוועזען איין רב אונ אטאט איין מאהל איז ער נעקומען אונ ביהמ"ד אריין אונ פרענט דיא מענטשען פון דעם בית המדרש וואס איז דיא טייטש „טרוקי גלי" ווארין מיין פאטער איז מיר געקומען צו חלום אונ ער האט מיר געזאגט טרוקי גלי אונ איך וויים גאר ניט וואס דאס איז האט מען אום געזאגט דאס איז טייטש פאר מאך דיא טירין ריפט זיך אן דער בעל הבית צו זייא יעצט פאר שטייא איך וואס מיין פאטער האט געמיינט מיט דיא ווערטער טרוקי גלי בעוויל דיא נאכט זענען אום געגאנגען גנבים אונ זייא האבען ביא מיינע שכנים היינטיגע נאכט געגנביט אונ איך האב היינטיגע נאכט פארגעסען צו פארמאכען די טירין אונ דאס האט מיין פאטער געמיינט שטייא אויף אונ ריק צו דיא טור ווארען מען וועט דיך ביא גנבינין:

**מעשה** וואס מיר האט דערציילט ארוכטיגער מענטש אז ער האט איין מאהל געקויפט תפילין ביא איין פאמענטערניר אונ ער האט אום געזאגט אז זיי זענען איבער געזעהנע אונ כשרע תפילין אונ ער האט אונ זיי גידנוהינט אפערטעל יאהר דער נאך האט ער געהאט יאר צייט נאך זיין מוטער האט ער געלערינט ביא נאכט משניות איז ער לערנינדיק אנטשלאפין געווארן איז אום געקומען זיין מוטער צו חלום אונ האט אום געזאגט דיא זאלסט וויסען אז דיינע תפילין זענין פסול איז ער אויף מארגען געגאנגען צו סופר האט ער זייא איבער געזעהן האט געפעלט דער אנדערער שם וואס וואס איז נעבין אחד:

**אונ** נאך איינער אזקן האט מיר אויך דערציילט אז אום האט זיך געחלומט אז זיינע תפילין זענען פסול האט ער אויף מארגען געגעבען איבער צו זעהן אזוי האט געפעלט איין אות:

**מעשה** וואס עס האט זיך גיטראפען אונ דער שטאט זאנער אונ דאס איז געוועזען לפ"ע אונ יאהר תרל"ה וואס דארטען איז געוועזען איין אלטע יודינע איין אלמנה וואס זיא האט גהאט

ומתה ובעוד איזה שבועות מת ג"כ אישה שהוא אבי הילד לכן נשאר הילד יתום בלא אב ובלא אם בלא משען ומשענה אזי לקחה האשה זקינה הנ"ל את נכדה לגדלהו והיתה צריכה לשכור מינקת להילד והיא היתה ענייה מאוד ולא יכלה השיג מעות עבור שכר מינקת וגם בני העיר הנ"ל לא עזרו לה במעות עבור שכר מינקת מחמת שבני העיר חשדו אותה שיש לה מעות רק שמקמצת היא ע"כ לא עזרו אותה בני העיר ע"ז לזאת נשאר הילד בלא מינקת והזקינה הנ"ל היתה אובנת אותו ע"י שהיתה מבקשת מנשים אחרות להניק את הילד הנז מובן מזה שהילד הי' סובל רעב ובלילה הי' דרכו לצעוק מחמת שהוא רעב והזקינה הנ"ל היתה סובלת מאתו רוב צער וכשהיה התינוק בוכה בלילה אזי גם הזקינה היתה בוכה ג"כ והטיחה דבריה כלפי מעלה והיתה מבקשת המות על עצמה מרוב צערה פעם אחת כשהילד היה בוכה מאד אזי לקחתה את הילד אצלה במטתה ונתנה את פי דדה לתוך פיו של הילד והילד הי' מוצץ את הדד הצמוקה עד שנעשה נס שהתחיל לינק חלב מהדד ומני אז והלאה היניקה את הזקינה את הילד כדרך הנשים הצעירות והיה אז פרסום רב בעיר זאנער גם בעיירות הסמוכות לה והיו הולכים האנשים העשירים לראות הפלא והיו נותנים לה נדבה הגונה גם היו נוסעים מעירות הסמוכות לראות הפלא והיו נותנים לה נדבות עבור הילד ועבודה וזה ברור:

**מעשה** מה שאירע באיישישאק בעת שלמדתי שם כי ביום בעת אכילת

---

ניהאט איין איינציגע טאָכטער איונג מענטש האָט איר טאָכטער געהאַט איין קינד אונ זיא איז תיכף געשטאָרבען אונ דער טאָכטערס מאַן איז אויך געשטאָרבען אונ אַקאָרצע צייט נאָך דעם קינד האָבען איז דאָס קינד געבליבען איהום אָן אַפאָטער אונ אָן אַ מוטער האָט דיא אַלטע יודינע דיא באָבע פון קינד צו גענומען דאָס קינד אונ זיא איז געוועזען זייער אָרים ר"ל אַז זיא האָט ניט געהאַט פאַר וואָס צו דינגען איין אַם אונ דיא שטאָט לייט האָבען איר ניט געוואָלט העלפין צו צאָהלין איין אַם בעוויל זייא האָבען גימיינט אַז דיא אַלטע האָט געלד דער וועיל איז געוועזין דאָס קינד זייער הונגעריג ער האָט נאָר געהאַט וואָס די באָבע האָט אוים גיבעטין בייא אַנדערע ווייבער אַז מען זאָל געבין אַמאָהל דעם קינד צו זייגין אונ נאַכצע געבט פלעגט דאָס קינד שרייען אונ וויינען פון הונגער אונ דיא אַלטע יודינע פלעגט מיט וויינען מיט דעם קינד אונ זיא פלעגט בעטין פאַר האַרין ווייטיג אויף זיך דעם טויט איין מאָהל האָט דאָס קינד זייער גיוויינט האָט זיא גענומען דאָס קינד צו זיך אונ בעט אַריין אונ זיא האָט עם גילייגט געבין דער בריסט אונ זיא האָט אוס גיגעבין דיא בריסט אונ מויל אַריין האָט דאָס קינד גיצויגין דיא פאַר דאַרטע בריסט ביז ער האָט אָן גיהויבין ציהון פון דער בריסט מילעך אונ פון דאַמאָלס אָן דאָט זי אוס גיזייגט איין פלעגט מען פאָרין פון אַנדערע שטעט וואָס זעגען אָרים דער שטאָט צו דער אַלטער יודינע זעהן דאָס חידוש אונ יעדער פלעגט איבער לאָזען גרויסע נדבות פאַר איר אונ פאַר דעם קינד וועגין אין דאָס איז זייער אַ רעכטיגע זאַך:

**מעשה** וואָס עס האָט זיך גיטראָפין

צהרים עמדו כת של בחורים וספרו זה עם זה וסבבו הסיפור אודות הגאון ר' אברהם שמואל ז"ל שהי' אב"ד באיישישאק והוא כבר נפטר ועמדו שני בחורים לומדים וזלזלו בכבודו ואמרו עליו שלא היה בקי כלל בגמ' ופוסקים רק כל כחו היה אחר החיפוש והעיון למחר בא בנו של הגאון הנ"ל שהוא בעה"ב ודר באיישישאק אז אזי בא לבהמ"ד וספר לפני אנשים דבר פלא היינו שלא ראה את אביו ז"ל בחלום זה מכמה שנים ובלילה הזה ראיתיו איך שהחרים לשני אנשים ובנו הנ"ל לא ידע מהנ"ל מאומה לכן היתה אצלו פליאה גדולת אח"כ נתודע להם כי השני בחורים הנ"ל זלזלו בכבודו והבחורים הנ"ל כשמעם אחזתם רעדה ויתבהלו מאוד. בחור אחד היה מראצאוו והשני מביאליסטאק הבחור מראצאוו ישב בתענית והלך על קברו לפייס אותו והבחור מביאליסטאק לא אופריק בהולשא שהיה חולה גדול עד שנואשו מחיין ואני בעצמי הלכתי לבקרו ואח"כ חזר לבריאותו:

**מעשה** מה שהיה באיישישאק בימי הגאון הנ"ל שהיו שם שני שותפים ואח"כ מת אחד מהם ובא בחלום איזה פעמים להשותף השני ותבע אותו

---

און דער שטאָט אײשישאַק און דער זעלביגער צײַט וואָס איך האָב דאָרט געלערנט. היינו און מיטן טאָג זענען געזעסן אַ חברה בחורים און זײ האָבן גערעדט וועגן דעם גאון ר' אַברהם שמואל ז"ל ער איז געווען דער רב און אײשישאַק און ער איז שוין געװען געשטאָרבן פון עטליכע יאָהר האָבן זיך אָן גערופן צוויא בחורים אַז ר' אַברהם שמואל ז"ל איז גאָר ניט קיין בקי געוועזן ער איז גאָר ניט געווען קלאָר און גמרא ניט און פוסקים אויף מאָרגן איז געקומען זײַן זוהן וואָס ער איז אײן בעל הבית און אײשישאַק איז ער געקומען צו מאָרגען פריא און ביהמ"ד און דער צײלט פאַר מענטשען איין װונדערליכע זאַך ער האָט שוין ניט געזעהן זײַן פאָטער און חלום פון אַלאַנגע צײַט און הײַנטיגע נאַכט האָט ער אים געזעהן ווי ער האָט מחרים געוועזן צווײ מענטשען יונגע לײַט און חלום און זײַן זוהן האָט גאָר ניט געוויסט פון דער מעשה הנ"ל איבער דעם איז דאָס געוועזן בײַא אים אַ גרויס וואונדער דער נאָך האָט מען זיך דערוויסט אַז דיא צוויא בחורים האָבען גערעדט אויף אים און אַז דיא בחורים האָבען דאָס דער הערט זענען זיי זייער דערשראָקען געוואָרען איין בחור איז געוועזען פון דער שטאָט ראַצאָוו און דער צווייטער איז געוועזען פון ביאַליסטאָק און דער בחור פון ראַצאָוו האָט געפאַסט און איז געגאַנגען אויף זײַן קבר און האָט אים מחילה געבעטין און דער בחור פון ביאַליסטאָק איז קראַנק געוואָרען און ער איז געוועזען אַ חולה מסוכן אַז מען האָט שוין גאָר ניט געהאַלטען פון זײַן לעבען און דער נאָך איז ער געזונד געוואָרען און איך אַליין בין געוועזען בײַ אים מבקר חולה זײַן:

**מעשה** וואָס עס האָט זיך געטראָפען בשעת דער זעלבער רב האָט געלעבט און ער איז געוועזען רב און דער שטאָט אײשישאַק עס איז געוועזין צווײ שותפים און איין געשעפט דער נאָך איז איינער פון זײ געשטאָרבען איז ער געקומען צו חלום דעם צווייטין שותף און האָט אים גערופען ער זאָל גיין מיט אים האָבען אַ דין תורה בײַ

דעם

שילך עמו לדין לעלמא דקשוט עבור איזה סכסוך שהיה להם כשהיה בחיים
וילך השותף החי ויספר זאת לפני הגאון הנ"ל שהיה אז אב"ד דשם ויאמר לו
הגאון הנ"ל שאם יבא אצלך עוד פעם אחר אזי תאמר לו שילך עמך לב"ד
דפה וכן היה שבא אצלו עוד הפעם ואמר לו שילך עמו לב"ד דפה סכ"ז בא
בלילה אחרת אליו ג"כ לתבוע אותו כנ"ל ויספר שנית לפני הגאון הנ"ל ויאמר
לו הגאון הנ"ל אם יבא אצלך עוד הפעם אזי ישיב לו שלעת עתה לא
פסלו הב"ד שלי לכן הוא מוכרח לבוא לפה וכן היה שבא אצלו עוד הפעם
והשיב לו כנ"ל ושוב לא ראה אותו:

**מעשה** מה שהיה כתוב במכתבי עיתים שהיה במקום אחד גביר חשוכי בנים ר"ל וגדל אצלו יתום קטן עד שנתגדל והיה לו כבן וחשב בדעתו להוריש אותו את כל רכושו ואח"כ לעת זקנתו של הזקן הנ"ל מתה אשתו ולקח אשה בתולה ענייה לאשה ונתעברה ממנו ממילא מובן שלהעלם הנ"ל היה זה כקוץ מכאיב והזקן הנ"ל שמח מזה שמחה גדולה מה עשה העלם אזי הטיל סם המות לתוך משקה טייא ושתתה מזה אשת הגביר ומתה תכ"ף הגביר הזקן הנ"ל סבל מזה רוב יגון עד שתי אח"ז ימים אחדים ומת מתוך רוב דאגה אזי ירש העלם הנ"ל את כל הונו של הזקן ובעוד ימים אחדים אזי שכב העלם הנ"ל בלילה על מטתו וחלם לו שהזקן הנ"ל תובע אותו לדין בבית דין של מעלה אזי הקיץ העלם הנ"ל וקרא לאנ"ש חשובים וספר

---

דעם בית דין של מעלה איז ער צו
מאַנען געגאַנגען און ער האָט דאָס
דער ציילט פֿאַר דעם רב ר' אַברהם
שמואל ז"ל האָט אום דער רב געזאָגט
אַז ער וועט קומען נאָך איין מאָהל
זאָל ער קומען אַהער צו מיר אויף
איין דין תורה דער נאָך אויף דער
אַנדערע נאַכט איז ער ווייטער געקומען
צו חלום און האָט אום גערופֿען צו
איין דין תורה וויא פֿריער האָט ער
אום געענטפֿערט דאָס ער זאָל גיין
מיט איהם צו דעם רב אויף אַ דין
תורה פֿון דעסט וועגען איז ער געקומען
אויף דער דריטער נאַכט צו אום און
האָט אום ווייטער גערופֿען צום דין
תורה איז ער געקומען און האָט נאָך
אַמאָהל דערציילט ר' אַברהם שמואל'ין
ז"ל האָט ער אום געענטפֿערט אַז ער
וועט קומען נאָך אַ מאָהל זאָלסטו אום
זאָגען לעת עתה האָט מען נאָך מיין
בית דין ניט געפּאַסלט זאָל ער קומען
אַ הער האָבען אַ דין תורה און אַזוי
איז געוועזען ער איז געקומען נאָך איין
מאָהל האָט ער אום געענטפֿערט אַזוי
וויא דער רב האָט אָן געזאָגט און
פֿון דאַמאָלס אָן איז ער שוין מער
ניט געקומען צו אים:

**מעשה** עס איז געוועזען און אַ שטאָט
אַ רייכער מענטש וואָס ער
האָט קיין קינדער ניט געהאַט
ר"ל האָט ער גענומען אַ קליין קינד
אַ יתום און ער האָט אום געהאָדעוועט
ביז ער איז שוין געוועזען אַגרויסער
און דער גביר האָט געוואָלט אַז ער
זאָל זיין אַ יורש נאָך זיין טויט דער
נאָך איז געשטאָרבען ביי דעם גביר
דאָס ווייב און דער גביר איז שוין
געוועזען זייער אַלט פֿון דעסט וועגען
האָט ער גענומען איין אָרים מיידעל
פֿאַר אַ ווייב ער האָט געמיינט אַפשר
וועט אים השי"ת מזכה זיין מיט אַזוינע
אויף דער עלטער דער נאָך איז זיין
ווייב

להם כל הענין והתודה על עונו וחי אח"ז איזה שעות אחדים ואח"כ שבק חיים לכל חי :

**מעשה** מה שאירע זה מקרוב בכפר א' שהיה דר שם גביר א' מפורסים ובכפר השני הסמוכה לה היה דר ג"כ גביר מפורסים והיו מחותנים זה עם זה היינו שבתו של הגביר הא' היתה נשואה לבנו של הגביר השני אח"כ מת הגביר הא' אבי הבן ויצו הגביר לפני מותו שיוליכוהו לבית הקברות לעיר חשובה הסמוכה לשם ולא לעיר קטנה הסמוכה להם יותר ויהי אחרי מותו אזי לקחו בנו הנ"ל שהוא חתנו של הגביר השני ויתנהו על העגלה ויוליכהו להעיר חשובה הנ"ל כאשר צוהו אביו ובדי עברו על דרך כפר השני אשר שם דר חותנו שהוא הגביר השני אזי נכנס הבן הנ"ל אצל חותנו הגביר ושאל אותו חותנו מה טיבו של נסיעתו אזי ספר לו את המאורע שברצונו להוליכו להעיר חשובה הנ"ל לקוברו שם כי כן צוה לו אביו ויאמר לו חותנו הגביר והלא לאחר מיתה הוא הכל שוה לפני המת כי המתים אינם יודעים מאומה ואם יוליכוהו להעיר אזי יבקשו מאתך אלף ר"כ דמי קבורה ע"כ יעץ לו שיוליך את אביו להעיר קטנה הסמוכה אשר הגבאי דשם הוא ש"ב ויקחו מאתו סך קטן וכן עשה שקבר אותו בהעיר קטנה וזה היה ביום ד' וכאשר עבר אחר זה שלשה ימים היינו בליל שבת קודש כאשר שכב הגביר השני על מטתו לישן שינת הלילה כאשר התנמנם מעט אזי בא אליו בחלום מחותנו הגביר הנ"ל ותבע אותו לדין בב"ד

---

ווייב מעוברת געווארען איז דאס געוועזין ביי דעם נגיד אגרויסע פרייד אונ ביי דעם בחור איז געוועזען אגרויסער צער האט זיך מיישב געוועזען דער בחור אונ האט אריין געטאהן סם המות אונ אגלאז מייא אריין אונ ער האט געגעבען דעם נבירס ווייב צו טרינקען איז זיא באלד געשטארבען האט דער גביר דער זקן גיהאט דער פון גרויסע הארץ ווייטיג האט ער געלעבט דער נאך עטליכע טעג אונ איז אויך געשטארבען פאר ענמת נפש האט דער בחור צו גענומען דאס גאנצע פארמעגען דער נאך אונ עטליכע טעג ארום האט זיך דער בחור גילייגט שלאפען איז אים גיקומען דער זקן צו חלום אונ האט אום גערופען צו בית דין של מעלה האט ער זיך אויף געכאפט אונ ער האט געשוקט רופען חשיבע מענטשין אונ האט זיי דערציילט דיא גאנצע מעשה אונ יעצט רופט אים דער זקן לדין אונ ער האט גיזאגט אז ער פילט אונ זיך אז ער דארף באלד שטארבען האט ער מתודה געוועזען אויף דער עבירה אונ ער האט נאך געלעבט עטליכע שעה אונ ער איז געשטארבען :

**מעשה** וואס עס האט זיך גיטראפען אונ אדארף האט גיוואנט אגרויסער גביר אונ איין אנדער דארף האט גיוואונט נאך אנגיד זענען זיי גיוועזען מחותנים איין גביר'ס אזוהן האט גיהאט דעם אנדערין גבירס אטאכטער פאר אווייב דער נאך האט גיטראפט שטארבען דעם גביר דער פאטער פון דעם זוהן האט ער פאר דעם טויט אן געזאגט דעם זוהן אז ער זאל אום פירען צום קבורה אונ דער גרויסער שטאט ניט אונ דער קליינער שטאט ארין דאס קליינע שטעטיל איז נעהנטער

נאר

של מעלה על מה שעיכב אותו מלקברו בהעיר חשובה הנ"ל ואמר לו למה חסת כ"כ על האלף ר"כ שלי שיחפצו עבור קבורתי אזי תיכף הקיץ הנגיר הנ"ל משינתו וישלח לקרוא להשו"ב דשם וסיפר לו את כל המאורע ואמר לו שהוא מרגיש בנפשו שהוא צריך למות תיכף בשביל זה אזי צוה לפני מותו וחי אחר זה עוד איזה שעות ואח"כ שבק חיים לכל חי:

**מעשה** כזה הובא בכפר נשמת חיים איך שמלך אחד פירנאנדו הרביעי תפס בבית הסוהר בעיר מארטום שני שרים נכבדים בחששא שהמיתו שר וחשוב למלך וכאשר בחששא לבד בלי עדים גזר עליהם שישליכו עצמם מהר גבוה וימיתו את נפשם והם צעקו אל המלך נקיים אנחנו מן החטא והרציחת שאתה מעליל עלינו והמלך לא שמע אליהם ע"כ בהתקרבם אל המות הזמינו להמלך שבעוד שלשים יום יבא לפני המלך ה' צבאות במשפט. וכן היה כי

---

נאָר עס איז אַקליין אָרט דער נאָך איז ער געשטאָרבען האָט אום געגומען זיין וואָן דאָס איז דער איידים פון דעם אַנדערען נגיר הנ"ל אונ האָט אום אַרויף גילייגט אויף דעם וואָגען אונ האָט אום גיפירט אונ דער גרויסער שטאָט אריין דערוויל האָט ער גיראַרפט פערבי פאָרין פאַר דעם אַנדערין דאָרף ווי זיין שווער זיצט האָט ער זיך גישטעלט נעבין זיין שווער אונ ער איז אַריין גענאַנגען צו זיין שווער פרעגט זיין שווער וואָס פירסטו אויף דעם וואָגען האָט ער אום דערציילט אַז ער פירט זיין פאָטער מקבר צו זיין אונ דער גרוסער שטאָט וואָרען אַזו האָט מיר מיין פאָטער אָן גיזאָגט פאַר דעם טויט ריפט זיך אָן זיין שווער צו אום נאָך דעם טויט איז דעם מענטש אַליין אַיינס דער גישטאָרבינער ווייסט גאָר נישט אונ אַז די וועסט אום פירין אונ דער גרויסער שטאָט אַריין וועלען זיי וועלען טויזינד גילדין קבורה געלד נעם אונ פיר אים בעסער אַוועק אונ איין קליין שטעטיל דאָרטען איז דאָ אַנבאַי מיינס אַפריינד וועט מען ביי דיר ניט נעמען קיין סך געלד האָט ער גיפאָלגט דעם שווער אונ ער האָט אום אַוועק געפירט אונ דער קלייניער שטאָט אַריין אונ ער האָט אים דאָרטען מקבר גיווען איז דאָס גיוועזען מיטוואָך ביינא טאָג אונ פרייטיג צו נאַכט אַז דער נגיר האָט זיך גילייגט שלאָפען איז גיקומען צו אום זיין מחותן צו חלום אונ זאָגט צו אים פאַר וואָס האָסטו מיך ניט גילאָזט מקבר זיין אונ דער גרויסער שטאָט וואָס האָט די צו זאַליווין מיינע טויזינד גילדין קבורה געלד קום מיט מיר צו אַרין תורה צום ב"ד של מעלה האָט ער זיך אויף גערשאָפט אונ ער האָט גישיקט ריפין דעם שוחט פון דעם דאָרף אונ ער האָט אים דערציילט די מעשה אונ ער האָט אים גיזאָגט אַז ער פילט אָן זיך אַז ער דאַרף באַלד שטאַרבען האָט ער גימאַכט אַצוואָה אונ עטליכע שעת אַרום איז ער גישטאָרבען:

**מַעֲשֶׂה** דער ספר נשמת חיים ברענגט עס איז גיוועזען אַ קייזער דער פערדער פירנאַנדו האָט ער אַריין גיזעצט אונ תפיסה אונ דער שטאָט מאַרטים צוויי הערען וואָס מען האָט זיי אומזיסט חושד געווען אַז זיי האָבען גיהאַרגעט אַ גרויסין מאַן וואָס ער איז גיוועזען חשוב ביי דעם קייזער האָט דער קייזער אויף זייא גוזר גיוועזען פאַר דעם חשד אַליין אָן עדות אַז זיי זאָלען אַרויף גייען אויף אַגרויסען באַרג אונ זיי זאָלען זיך אַראָפּ וואַרפען פון באַרג אונ זאָלען

גערהארגים

שמע ה׳ את תפלתם . ויהי ביום החמישי יום אחרון מהשלשים יום והמלך נכנס לישן וישן שינת עולם ואחר כך נכנסו עבדיו להקיצו ומצאוהו כי מת הוא כאשר גזרו עליו השרים האומללים אשר בלי פשע הרג אותם והביא שם כי זו המעשה כתובה בספר דברי הימים שחיברו חכמי האומות ורבים העידו ע״ז שהוא אמת וסיים שם בספר הנ״ל וזה לשונו וכזה עצמו אירע לאחרים וכפרט למלך צרפת אשר היה בשנת ע״ב לאלף הששי אשר לחמדת ממונם של ישראל רדף אותם וינרשם מארצו בעירום ובחוסר כל בלתי נויתם עם מלבושים ומותו עם רב מישראל וימת גם אותו בתוך הימים אשר גבלו לו הנספים בלא משפט ומביא זאת מכמה ספרי דברי הימים שחיברו חכמי האומות העולם וסיים שם וזה לשונו גם זו עדות נאמנה שהנשמה היא נצחיית ועתידה לתת דין וחשבון :

---

נעהארניט ווערען אונ דער צייט וואס זייא האבען נידארפט גיהארניט ווערען האבין זיי נישריגען צו דעם קייזער מור זאגען רייין פון דער שטראף וואס מען איז אינז חושד אונ מור פאר בעטין דעם קייזער אז אונ דרייסיג טאג ארים זאל ער קומען מיט אונז אדון תורה האבען פאר דעם בית דין של מעלה פאר דעם בורא יתברך אונ אזוי איז געוועען אז השי״ת האט צו געהערט זייער תפילה אונ עס איז געוועען דעם לעצטען טאג פון די דרייסיג טעג דאס איז געוועען דאנערשטיג ביי טאג האט זיך דער קייזער פירנאנדו אנידער גילייגט ביי טאג שלאפען איז ער שוין מער ניט אויף גישטאנען אונ איז געשטארבען אונ דער ספר נשמת חיים ברענגט נאך א זעלכע מעשיות אונ דער נאך פירט ער אוים אז פון דעם קאן מען פערשטיין אז די נשמה פון דעם מענטש איז אנצחיות דאס הייסט איין אייביגע אונ אז דער מענטש איז אן גיבריים צו געבען דין וחשבון אויף אלעס וואס ער טוט אויף דער וועלט :